אָז נִדְבְּרוּ יִרְאֵי ה׳ אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ וַיַּקְשֵׁב ה׳ וַיִּשְׁמָע

# א דערהער
## אויף די פרשה

### פרשת אחרי קדושים

גליון ו׳




געשריבן און ארויסגעגעבן דורך:

**הרב אליהו יואל גליק**


באזירט אויף די שיעורים
און מאמרים פון
הגה"צ אבד"ק
**ברכת מנחם**
שליט"א

גליון א דערהער אויף די פרשה

כל הזכיות שמורות

להערות והארות
וכן לקבל הגליון ע"י אימעיל
Ahderher@gmail.com
או אל:
414.533.7437

Design & Layout
sales@imagendesign.net

הגליון י"ל מדי שבועיים בס"ד

צו נעמען א חלק אין די גרויסע הוצאות ולזכות את הרבים אדער צו פארשפרייטן אין אייער שטאט ביטע רופט 414.533.7437 אדער שיקט אן אימעיל צו ahderher@gmail.com

# פרשת אחרי קדושים

## אמת'ע אהבת ה' מיינט אוועקגעבן פון זיך אביסעלע

### זיך מקדש זיין נאך מער ווי עס שטייט אין די תורה

קְדֹשִׁים תִּהְיוּ, הייליג זאלט איר זיין, כִּי קָדוֹשׁ אֲנִי ה' אֱלֹקֵיכֶם, ווייל הייליג בין איך, השי"ת אייער גאט. דרש'ענען חז"ל אז די כוונה פון דעם פסוק איז צו זאגן פאר אידישע קינדער אז "קדש עצמך במותר לך", זיי דיך מקדש אויך ווען עס קומט צו זאכן וואס זענען מותר לויט די תורה און די מצוות.

פרעגן די מפרשים, אויב די תורה וויל דא זאגן אז מיר זאלן זיך פירן בקדושה און מחמיר זיין אויף זיך מיט מער פון וואס עס שטייט אין דער תורה, פארוואס האט עס די תורה נישט ארויסגעשריבן קלאר? זאל דער פסוק אונז פינקטליך אנזאגן

ווי אזוי מען איז זיך מקדש און עס זאל זיין קלאר ארויסגעשריבן. און אויב איז עס נישט א חיוב זיך מקדש צו זיין מער פארוואס האבן חז"ל גע'דרש'נט אז די תורה זאגט אונז דא אן זיך מקדש צו זיין אפילו מיט זאכן וואס זענען מותר?

## אהבת השם דורכ'ן זיך מקדש זיין אפילו מיט וואס עס איז מותר

נאר די תורה שרייבט נישט קלאר ארויס די זאכן מיט וואס מען זאל זיך מקדש זיין כדי אידישע קינדער זאלן קענען ארויסווייזן זייער אהבת ה' מיט'ן טון מער פון וואס עס שטייט. אויב וואלט ארויסגעשטאנען פינקטליך מיט וואס א איד דארף זיך מקדש זיין וואלט מען עס נישט געטון פון אהבת ה' נאר פון יראת ה'. **די תורה וויל אונז געבן די געלעגנהייט צו טון פאר'ן אייבערשטן מער פון וויפיל עס שטייט מיט א קאכעדיגער אהבה ווי א קינד וואס טוט מער פון וויפיל ער דארף.**

ווען א קינד פאלגט זיין טאטע ווייל זיין טאטע האט געהייסן איז דאס נארמאל און עס קומט אזוי, ווייל א קינד דארף פאלגן זיין טאטן. אבער ווען דאס קינד קומט פון זיך אליינס און איז מכבד זיין טאטע אפילו אומגעבעטן ברענגט דאס ארויס זייער שטארק אז ער טוט דאס פון אהבה, אפילו עס איז נישט געווען א קלארער באפעל פון זיין טאטן. ער טוט עס מיט הארץ.

אט דאס מיינט קְדֹשִׁים תִּהְיוּ, איר זאלט זיך מקדש זיין מיט "געוויסע זאכן" וואס איז לפנים משורת הדין ארויסצואווייזן אייער אהבה צום באשעפער און זיין הייליגע תורה.

## די מלחמה קעגן ערליכע אידן

דאס איז אלעמאל געווען די מלחמה מיט פארשידענע גרופעס וואס האבן מלחמה געהאלטן מיט ערליכע אידן. פון די קראים ביז די

משכילים, איז זייער צוגאנג געווען אז מען דארף מיט א גראדער קרומקייט טון געני׳ נאר דאס וואס עס שטייט אין דער תורה, און קוק וואו זיי זענען אנגעקומען. פון פארקוקן אויף קליינע מנהגים אדער חומרות, פון אוועקנעמען דאס הארץ פון די עקסטערע גדרים פון קדושה ״ווייל עס שטייט נישט קלאר״, האבן זיי צום סוף אינגאנצן אפגעלאזט די תורה ר״ל.

דאס ווייזט אונז ווי וויכטיג אט די גדרים פון קדושה וואס שטייט אפילו נישט ארויס קלאר איז אזוי וויכטיג צו קיום התורה, ווייל אָן טון די עקסטערע זאכן פון הייליגע מנהגים, דקדוק הלכה און חומרות פארלירט מען די טיפע אהבה צו שמירת התורה והמצוות, מען פארלירט דעם קשר פון קדושה מיט׳ן הייליגן באשעפער.

## לפנים משורת הדין ברענגט נאנטקייט צו השי״ת

צדיקים האבן געטייטשט אויפ׳ן פסוק (ויקרא יט, ה) וְכִי תִזְבְּחוּ זֶבַח שְׁלָמִים לַה׳, אויב דו ווילסט מקריב זיין פון דיר מיט׳ן גאנצן הארץ צום אייבערשטן, דו ווילסט אים ארויסווייזן אהבת ה׳, דאן לִרְצֹנְכֶם תִּזְבָּחֻהוּ, זיי דיך מקריב מיט דיין אייגענעם רצון, לייג צו פון דיין אייגענעם הארציגן ווילן גדרים און סייגים, **זיי דיך מקדש אפילו מיט די זאכן וואס זענען מותר, ווייל נאר אזוי קומט מען צו צו אמת׳דיגע נאנטקייט און צו אמת׳ע אהבת השם.**

## אהבת השם דורכ׳ן אוועקגעבן פון זיך

מיר לעבן אין דור פון משיח ווי מען זעט אז אידן ציען צו דינען

דעם אויבערשטן מיט שמחה און אהבה, מען פרייט זיך מיט א מצוה, מען זינגט און מען פארברענגט מיט שירות ותשבחות, און דאס איז אוודאי זייער לעכטיג, אבער פון דער אנדערער זייט זעט מען אז געוויסע שטייען ווייט פון חומרות, מען שפירט אז עס איז חלילה צו אסאך. דער שוואכער דור קען צומאל נישט דערהייבן געוויסע מנהגים און מען איז זיך מקיל.

אבער דער אמת איז אז אמת'ע אהבת השם ליגט אין אט די הייליגע חומרות, מנהגים און דיקדוק הלכה. אוודאי איז נישט געזונט איבערצוטרייבן, אבער קְדֹשִׁים תִּהְיוּ, הייליג זאלט איר זיין, צו נעמען אויף זיך אביסעלע מער צו ווייזן אז מיר האבן ליב דעם אייבערשטן. מען דארף ווייזן אהבת ה' נישט נאר מיט זינגען און פארברענגען, ווייל אמת'ע אהבה צו יענעם מיינט אוועקגעבן פון זיך אביסעלע. איך טו עס ווייל איך האב ליב, נישט ווייל איך בין געצוואונגען. ווי הערליך שיין איז ווען מען ווייזט ארויס אהבת השם דורכ'ן געבן פון זיך און צו דער זעלבער צייט גייט מען אין די וועגן פון אונזערע הייליגע זיידעס און רבי'ס.

## דאס לעבן און תענוג פון אן ערליכן איד

אן ערליכער איד וואס לעבט העכער פארשטייט דאס זייער גוט. ער פארשטייט אז דינען דעם אייבערשטן איז די גרעסטע תענוג און אהבה וואס א מענטש קען נאר שפירן. ער שפרינגט ארויס פארטאגס פון בעט נישט ווייל עס שטייט אין די תרי"ג מצות נאר ווייל עס ברענט אין אים אהבת השם. זיין דאווענען און לערנען שלעפט אים אריין אין א וועלט פון אהבה, ווייל דורך דעם וואס ער האט געטון לפנים משורת הדין פון ליבע צום אייבערשטן ווייזט אים דער אייבערשטער צוריק א תענוג און אהבה וואס נעמט ארום דער ערליכן איד פיר און צוואנציג שעה אין טאג. עס ווערט אים ממש שווער זיך אוועקצורייסן פון דעם העכערן תענוג; פארוואס זאל ער זיין מיט גשמיות ווען רוחניות גיט אים

אזוי סאך מער.

וואו שטייט אין דער תורה אז מען טאר נישט עסן געבראקטס?

וואו שטייט אין דער תורה אז א חסידישער איד זאל גיין מיט דעם חסידישן לבוש?

וואו שטייט אין דער תורה אזוי סאך אנדערע זאכן וואס ערליכע אידן פירן זיך?

עס שטייט אין דער תורה באהאלטן אין אט די צוויי גאלדענע ווערטער פון **קְדֹשִׁים תִּהְיוּ**, זיי הייליג!

גיי מיט א אידישע לבוש אז דו זאלסט זיין אפגעזונדערט פונעם גוי.

זיי מקפיד אויף געבראקטס ווייל אזוי האבן דיינע עלטערן און רבי'ס זיך געפירט ווייל זיי האבן ליב געהאט דעם אייבערשטן און זיינע מצוות, זיי זענען געגאנגען א טראפ ווייטער צוליב זייער יראה פון א מכשול און צוליב זייער אהבה צו דער תורה, ווייל זיי האבן געוואלט ווערן הייליג און נאנט און שפירן די אהבה וואס ווערט אויפגעוועקט פון אויבן ווען מען פירט זיך מיט אהבה צום אייבערשטן דא אונטן.

# די אהבת השם פונעם הייליגן קדושת לוי

ווען דער הייליגער קדושת לוי זי"ע איז ארויסגעטאנצן פון בעט סוכות פארטאגס צו כאפן דעם לולב פון שאנק, האט דער צדיק עס נישט געזען שטיין בפירוש אין דער תורה.

אין פסוק שטייט **וּלְקַחְתֶּם לָכֶם בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן**, דעם ערשטן טאג סוכות דארף מען נעמען און שאקלען די ד' מינים. עס שטייט נישט אז מען דארף שאקלען באלד אינדערפרי ביי דער ערשטער מעגליכקייט, עס שטייט **בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן**, סיי ווען אינעם ערשטן טאג. אבער דער הייליגער קדושת לוי וואס האט געברענט מיט אהבת ה' האט געזען גאר עפעס אנדערש. דער **קְדֹשִׁים תִּהְיוּ**, דאס טון מער ביי יעדע מצוה האט אין אים געפלאקערט, און ווען

ער האט געזען אין דער תורה בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן, האט ער נישט נאר געזען אז מען דארף שאקלען דעם ערשטן טאג, ער האט געזען אז מ'קען אויך שאקלען די ערשטע רגע. **ער האט זיך נישט געקענט איינהאלטן פון זיך צו באהעפטן צו דער רוחניות'דיגער הנאה וואס האט געפלאקערט אין אים יעדעס מאל ער האט געטון דעם רצון ה'**, און די באהעפטונג צו די הייליגע מצוות האט אים באהאפטן צו הויכע, הייליגע מדריגות צו וואס ער איז צוגעקומען דורכ'ן זיך מקדש זיין דורכ'ן טון מער ווי עס שטייט קלאר ארויסגעשריבן.

# טון לפנים משורת הדין אויך ווען עס קומט צו בין אדם לחבירו

מיר זעען די זעלבע זאך ווען עס קומט צו טון אביסל מער ווי עס שטייט קלאר אין פסוק ווענגן בין אדם לחבירו. אין פסוק שטייט (דברים ו, יח) וְעָשִׂיתָ הַיָּשָׁר וְהַטּוֹב, זאלסט טון וואס איז גראד און גוט. דאס איז אלעס וואס עס שטייט, עס ווערן נישט דערמאנט קיין פרטים. דרש'ענען חז"ל אז מען לערנט פון דא ארויס פילע דינים פון בין אדם לחבירו אז מען זאל מוותר זיין און טון לפנים משורת הדין.

אויך דא קען מען זאגן אז דער פשט איז צו דינען דעם אייבערשטן מיט אהבה און צו ווייזן פאר א צווייטן איד אהבת ישראל. אפילו ווען עס זעט אויס אז איך בין גערעכט דאך בין איך מוותר פאר יענעם, איך טו מער וויפיל די תורה פארלאנגט פון מיר ווייל איך האב ליב דעם אייבערשטן און איך האב אויך ליב זיינע קינדער, מיינע אידישע ברידער, און איך וויל פארמיידן קאנפליקט דורכ'ן מותר זיין אדער איך וויל אים סתם אזוי ארויסהעלפן ווען ער דארף מיין הילף.

# מנהגי ישראל, די תורה שבע"פ פון אונזערע צייטן

דער פאפא רב זצ"ל ברענגט אין זיין שאלות ותשובות ספר ויען יוסף אין נאמען פון בעלזער רב זי"ע, אז כלל ישראל איז דאך באשאנקען געווארן מיט צוויי חלקים פון דער תורה, די תורה שבכתב, וואס דאס איז די תורה, נביאים און כתובים, און די תורה של בעל פה, וואס דאס זענען אלע אנדערע חלקים פון דער תורה ווי משניות, גמרא, הלכה, אא"וו.

פרעגט דער בעלזער רב, היינט ווען די תורה של בעל פה וואס פלעגט געלערנט ווערן אויף אויסנווייניג מיט'ן מויל איז פארשריבן אין ספרים, דעמאלט וואס איז אונזער תורה של בל פה; די גאנצע תורה איז דאך היינט תורה שבכתב?

נאר די הייליגע מנהגים וואס מיר האבן מקבל געווען, אט דאס איז אונזער תורה שבעל פה. א מנהג ישראל איז תורה. דאס איז היינט די תורה שבע"פ וואס מיר דארפן שעצן און טון מיט שטאלץ צו קענען האבן א חלק אין תורה שבע"פ, צו קענען גיין אין די וועגן פון אונזערע עלטערן און צו קענען דורך דעם דינען און ווייזן אהבת השם צום באשעפער און זיין הייליגע תורה.

# מלאכים ביים שבת טיש

זיצט דער הייליגער צדיק און מקובל רבי ישראל נגארה זצ"ל, דער מחבר פונעם שבת'דיגן ניגון קה רבון עלם, ביי זיין שבת טיש. דער הייליגער צדיק - אויף וועם מען זאגט אז דער אריה"ק האט געזאגט אז ער האט א ניצוץ פון דער נשמה פון דוד המלך - זיצט און זינגט זמירות מיט א פייער אין דער הייליגער נאכט אריין.

דער אריה"ק וואס האט געלעבט אין יענע צייטן און איז געווען א נאנטער חבר מיט ר' ישראל האט עס מיט רוח הקודש דערשפירט, ער האט

געזען ווי טויזנטער מלאכים קומען און גייען צו אט דעם הייליגן טיש פון ר׳ ישראל וואו די שירות ותשבחות האבן ארומגענומען דעם גאנצן שטוב אין א העכערער ליכטיגקייט, א ליכטיגקייט וואס קומט ווען אזא צדיק וואס אלע זיינע זמירות זענען געווען מיט רוח הקודש זינגט.

אבער פלוצלינג האט דער אריה״ק געזען ווי איין מלאך קומט אריין און ער פארשיקט אלע מלאכים פונעם שבת טיש. פארוואס? ווייל ר׳ ישראל איז געזעצן מיט אויפגעדעקטע ארעמס און האט נישט געטראגן אויפ׳ן קאפל א הוט!

ווי נאר דער אריה״ק האט דאס דערשפירט האט ער שנעל אריבערגעשיקט צו ר׳ ישראל צוויי פון זיינע תלמידים דערציילן וואס עס האט פאסירט, צוליב וואס ער האט נישט מקפיד געווען צו זיצן מיט׳ן גאנצן כבוד ביים שבת טיש.

א פחד האט אנגעכאפט ר׳ ישראל, ער האט זיך שנעל צוגעדעקט מיט כבוד, אנגעטון זיין הוט אויפ׳ן קאפ און זיך צוריקגעקערט צום טיש מיט פרישע זמירות לכבוד שבת, און עס האט נישט לאנג גענומען ביז די מלאכי השרת זענען צוריקגעקומען הערן די שירות ותשבחות וואס האבן ווייטער באלויכטן זיין שבת טיש און די גאנצע בריאה.

## טון זייטיגע זאכן אפילו ווען עס שטייט נישט קלאר אין פסוק

מיר לערנען פון דער הפלא׳דיגער מעשה די וויכטיגקייט פון מקפיד זיין אויף זאכן אפילו עס שטייט נישט בפירוש אין דער תורה. וואו שטייט דען אין דער תורה אז מען דארף זיצן מיט כבוד ביים שבת טיש? וואו שייט אז עס איז אסור צו זיצן ביים שבת טיש מיט אויפגעדעקטע הענט אדער אָן א הוט, אבער אן ערליכער איד פארשטייט אז דאס איז דער פאסיגער וועג צו זיצן, דאס איז אהבת השם, דאס איז דער כבוד פון שבת, און אפילו מלאכים פארשטייען דאס און קומען צו גיין לויט ווי אזוי מען פירט זיך מיט די זייטיגע זאכן

וואס זענען אין כלל פון קְדֹשִׁים תִּהְיוּ.

# באשעפער זיסער, מיר האבן דיך ליב!

באשעפער זיסער, מיר האבן דיך אזוי ליב! דיינע מצוות זענען נישט שווער צו מקיים זיין ווען מיר געוואוינען זיך צו זיי טון מיט אהבה.

מיר געדענקען דיין ציווי פון קְדֹשִׁים תִּהְיוּ, אז מיר זאלן זיין הייליג און טון און מקפיד זיין אויף מנהגים, חומרות און דקדוקי הלכה אפילו ווען עס שטייט נישט קלאר אין דער תורה, פארוואס? כִּי קָדוֹשׁ אֲנִי ה׳ אֱלֹקֵיכֶם, ווייל אויך דו, אונזער טאטע אין הימל, טוסט אזוי סאך פאר אונז, אפילו נאך פיל מער ווי מיר פארדינען, ווייל דו האסט אונז ליב.